# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ה - גליון קסד**

**פרשת לך לך**

בענין

קושית המפרשים על שיטת המפרשים שעושים את ברכת 'להכניסו' בין המילה להפריעה

**וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל אַבְרָהָם וְאַתָּה אֶת בְּרִיתִי תִשְׁמֹר אַתָּה וְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ לְדֹרֹתָם:**

**זֹאת בְּרִיתִי אֲשֶׁר תִּשְׁמְרוּ בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם וּבֵין זַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ הִמּוֹל לָכֶם כָּל זָכָר:** (בראשית יז, ט - י)

### גמרא מסכת יבמות

די **גמרא** זאגט אין **מסכת יבמות** (עא, ב): **אמר רבה בר יצחק אמר רב: לא ניתנה פריעת מילה לאברהם אבינו** - פירוש: רב בר יצחק זאגט, אז דער 'מצות מילה' וואס אברהם אבינו האט באקומען פון די אייבישטער איז נאר געוועהן די מצוה פון 'חתיכת בשר הערלה', אבער די חלק פון 'פריעה' דהיינו די פריעה פון די עור הרך מתחת הערלה, דעס איז נישט געוועהן נכלל אין די מצות מילה פון אברהם, נאר דער מצוה פון פריעה האט די אייבישטער נאר שפעטער געגעבן ווען די אייבישטער האט באפוילן יהושע צו מל'ן כלל ישראל, **שנאמר** (יהושע ה, ב) **בָּעֵת הַהִיא אָמַר ה' אֶל יְהוֹשֻׁעַ עֲשֵׂה לְךָ חַרְבוֹת צֻרִים וְשׁוּב מֹל אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שֵׁנִית** - און לכאורה איז שווער פארוואס האט מען געדארפט נאכאמאל מל'ן כלל ישראל, די אידן האבן שוין געהאט דער מצוה פון מילה פון די צייטן פון אברהם אבינו? נאר וויבאלד דא האבן זיי צובאקומען די מצוה פון 'פריעה', האבן די אידן געדארפט מקיים זיין די מצוה פון פריעה, וואס דער חלק פון מצות מילה האבן זיי נישט געהאט פארדעם.

### קושית האחרונים

די **אחרונים** קומען און פרעגן זייער א שיינער קשיא. די **טור** אין הלכות מילה (יורה דעה, סימן רסה) ווי די טור איז מבאר די הלכות ביי די ברכות וואס מען מאכט אויף מצות מילה, שרייבט אזוי: **המל מברך ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על המילה...** - פירוש: דער וואס מל'ט דעם קינד מאכט די ברכה פון 'על המילה', **ואבי הבן מברך ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו...** - און דער טאטע פון דעם קינד מאכט די ברכה 'להכניסו בבריתו של אברהם אבינו'. קומט די טור און ברענגט א מחלוקת אין די ראשונים ווען די אבי הבן מאכט דער ברכה פון להכניסו: **ורשב"ם הנהיגוה שיברך האב קודם המילה דלהכניס משמע להבא, וגם צריך לברך קודם לעשייתן ור"ת כתב שאין צריך, ורב שר שלום כתב שאין לו לברך אלא עד לאחר המילה כיון שנעשית ע"י אחר וכן כתב בעל העיטור** - פירוש: די **רשב"ם** האלט אז די אבי הבן דארף מאכן די ברכה פון להכניסו פאר מען מל'ט דעם קינד, און די טעם איז ווייל יעדער ברכה דארף מען מאכן 'עובר לעשייתן' דהיינו פאר מען מאכט די מצוה, וועגן דעם דארף מען מאכן די ברכה פאר די מילה. און **רבינו תם** (כמו שכתב הבית יוסף שם. עיי"ש עוד) און **רב שר שלום** און די **בעל העיטור** האלטן אז 'אין צריך', דהיינו מען זאל נישט מאכן די ברכה פון להכניסו פאר די מצות המילה נאר אדרבה מען זאל מאכן די ברכה נאר נאך מען האט שוין גע'מל'ט דעם קינד (עי' בתוספות מסכת שבת קלז, א, ד"ה אבי).

קומט די **טור** און שרייבט ווייטער: **ואדוני אבי הרא"ש ז"ל כתב טוב לברך מיד אחר ברכת המילה קודם שיעשה פריעה וחשיב שפיר עובר לעשייתן ולהבא דמל ולא פרע כאילו לא מל** - פירוש: די רא"ש האט א דריטע שיטה, און ער האלט, אז די ברכה פון 'להכניסו' דארף מען מאכן ציווישן די מצוה פון מילה און די מצוה פון פריעה, און אזוי קומט אויס אז מען האלט שוין נאך די מצוה פון חיתוך הערלה, אבער אפילו אזוי איז די ברכה נאך אלץ 'עובר לעשייתן' ווייל די משנה זאגט אין **מסכת שבת** (קלז, ב) **'מל ולא פרע כאילו לא מל'**, דהיינו, אויב איינער האט נאר מקיים געוועהן די מצוה פון חיתוך בשר הערלה, אבער ער האט נישט געמאכט די מצוה פון פריעה, האט ער נישט מקיים געוועהן די מצוה פון מילה, וועגן דעם ווען מען מאכט די ברכה

פון 'להכניסו' נאך די חיתוך בשר הערלה, און בעפאר די פריעה, הייסט עס נאך 'עובר לעשייתן', און וועגן דעם זאל מען דעמאלטס מאכן די ברכה פון להכניסו.

און די **מחבר** אין **שלחן ערוך** פסק'נט אזוי ווי די רא"ש הלכה למעשה, און ווי ער שרייבט (רסה סעיף א): **ואבי הבן מברך בין חתיכת הערלה לפריעה אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו'.**

קומען די אחרונים און פרעגן, ווי אזוי שרייבט די רא"ש אז ווען מען מאכט די ברכה פון 'להכניסו בבריתו של אברהם אבינו' צווישן די מילה און די פריעה הייסט עס 'עובר לעשייתן', ווייל 'מל ולא פרע כאילו לא מל'. דער 'בריתו של אברהם אבינו' איז נאך געווען 'מילה אליין אן די פריעה', און אויב אזוי ווען מאכט די ברכה 'להכניסו בבריתו של **אברהם אבינו**' נאך די מצוה פון מילה פאר די פריעה, איז דער ברכה שוין עובר לעשייתן, ווייל דער מצות ברית מילה פון אברהם אבינו האט ער שוין מקיים געווען, דהיינו די עצם חיתוך בשר הערלה, און די גאנצע מצוה פון 'פריעה' האט דאך נישט קיין שייכות מיט 'בריתו של אברהם אבינו', ווייל דעס האט דאך די אייבישטער נאר געגעבן פאר יהושע, און אויב אזוי איז די ברכה נישט עובר לעשייתן?

## דברי החתם סופר

דער הייליגער **חתם סופר** (שו"ת יורה דעה סימן רמח וסימן רמט) האט זיך זייער געמיטשעט מיט דעם קשיא, און ווי ער שרייבט (סימן רמט שם): **אך ברכת להכניסו היה צל"ע קצת להיות כי... נתקשיתי על הרא"ש, דהעלה לברך להכניסו בין מילה לפריעה, והוה שפיר עובר לעשיית הפריעה, משמע מיניה דשייך על פריעה בריתו של אברהם אבינו ע"ה, וקשה הלא לא נצטוה אברהם אבינו ע"ה על פריעת מילה, ובכתבי הראשון רמזתי שנדחקתי בישובו ולא עלה בידי כהוגן, והדחוקים הם שני אלו, א' - מה שהזכיר דלפי מה שכתב הרא"ש ופסקו בשולחן ערוך אורח חיים סי' קנ"ח דמברך על נטילת ידים קודם שמקנח ידיו משום שגם הקינוח מהמצוה הוה שפיר עובר לעשייתן, והכי נמי דכוותיה, שהרי כל שלא פרע כאלו לא מל, אלא שזהו נ"ל דשייך לתרץ אלו היה נוסח הברכה אשר קדשנו במצוותיו וצוונו על הכנסת ברית סתם, כמו שאומרים כשם שהכנסת לברית, ולא היה מזכירים אברהם אבינו ע"ה בענין, זה וגם לא הי' אומרים להכניסו להבא אלא על הכנסת ברית ואז לא הי' קשה עלינו רק מה שאינו עובר לעשייתו אז הי' דומה ממש להתם דכיון דקודם המצוה ממש לא יתכן לברך שמא יניחנו המוהל וילך לו אזי מברכים באמצע קיומה ומקרי עובר לעשייתן אבל מי הכניס חז"ל לתגר הזה לתקן הנוסח להכניסו בבריתו של אברהם אבינו, ובריתו של אברהם אבינו ע"ה כבר עבר וכבר נכנס לה ומחזי כשקרא זה הוא קשה לפע"ד.**

און דער חתם סופר איז ממשיך און שרייבט א אנדערע תירוץ: **ועוד תירוץ אחר היותר מרווח והוא... דבריתו של אברהם אבינו ע"ה היה על הסרת כל מה שעתיד להקרות ערלה** - פירוש: די גאנצע קשיא איז געבויעט אז עס איז דא צוויי מצות פון ברית מילה, איינס די מצוה פון ברית מילה וואס די אייבישטער האט געגעבן פאר אברהם אבינו, וואס דעס איז געווען נאר די חלק פון 'הסרת בשר הערלה', און די צווייטע מצוה איז געווען בימי יהושע, דהיינו סיי די הסרת בשר הערלה, צוזאמען מיט די נייע חלק פון פריעה, און אויב אזוי איז זייער שווער טאקע ווי אזוי מען קען מאכן די ברכה פון 'להכניסו בבריתו של אברהם אבינו' פאר די פריעה, און זאגן אז עס הייסט 'עובר לעשייתן', ווייל די מצוה פון פריעה איז דאך נישט געגעבן געווארן פאר אברהם אבינו, און גלייך נאכן מקיים זיין די הסרת בשר הערלה, האלט מען שוין נאך די מצות המילה של אברהם אבינו, און עס איז נישט מער 'עובר לעשייתן', קומט דער חתם סופר און איז מבאר אז מען דארף אנקוקען די מצוה פון ברית מילה אביסל אנדערש, די אייבישטער האט נישט געגעבן צוויי מצות פון מילה, נאר די אייבישטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו אז די מצוה איז 'הסרת כל מה שעתיד להקרות ערלה', דהיינו מען דארף אראפ נעמען ביי ברית מילה אלעס וואס הייסט א חלק פון די ערלה. און בימי אברהם אבינו, איז די עור וואס איז שייך ביי פריעה נישט געווען אין די ציווי פון הסרת הערלה, און בימי יהושע איז צו געקומען דער חלק אז מען דארף עס יא אראפנעמען, און אויב מען קוקט אזוי אן די מצוה פון מילה, קען מען שין אביסל מער פארשטיין אז די ברכה פון להכניסו זאל ארויף גיין אפילו אויף די פריעה, ווייל די מצוה פון מילה מיט די פריעה וואס איז צוגקומען בימי יהושע, איז נישט געווועהן קיין נייער ציווי, נאר עס איז אלץ אריין אין די ערשטע ציווי וואס די אייבישטער האט געזאגט פאר אברהם 'הסרת כל מה שעתיד להקרות ערלה', און די מצוה פון פריעה איז אויך אין דער כלל, וועגן דעם איז שייך צו מאכן די ברכה להכניסו בבריתו של אברהם אבינו בין המילה להפריעה, און עס וועט נאך אלץ הייסן ווי מען מאכט די ברכה 'עובר לעשייתן' אזוי ווי די רא"ש שרייבט.

זאגט אבער די חתם סופר, אז ער איז נאך אלץ נישט צופרידן פון דעם תירוץ, וזה לשונו: **וזה יותר נכון, מכל מקום קשה קצת אי סלקא דעתך דתיקון חז"ל היה לברכו בין מילה לפריעה לא היה להזכיר שמו עליו במה שלא נצטוה** - פירוש: מכל מקום סוף כל סוף, איז די פריעה נישט געווועהן קיין חלק פון די מצוה של מילה פון אברהם אבינו, שטימט נאך אלץ נישט די נוסח הברכה וואס מען מאכט פאר די מצוה פון פריעה.

## תירוצו של העצי חיים

דער גרויסע גאון וקדוש **רבי חיים צבי טייטעלבוים זצ"ל** אין זיין ספר **שו"ת עצי חיים** (יורה דעה, סימן כח) ענטפערט א שיינער תירוץ אויף דער קשיא, און ער איז מקדים מיט א סתירה פון דער תלמוד בבלי און די תלמוד ירושלמי, וזה לשונו: **אמרינן ביבמות דף עא, אמר רב לא ניתנה פריעה לאברהם אבינו. והנה בירושלמי שבת פרק רבי אליעזר הלכה ב, המול ימול מכאן לשני מילות אחר למילה ואחת לפריעה, אחת למילה לציצים, עכ"ל, ואם כן קשה כיון דהכתיב המול ימול כתיב באברהם, ומוכח דגם לאברהם אבינו ע"ה ניתנה פריעה, ודוחק לומר דהירושלמי פליג אבבלי בזה - גם קשה על הירושלמי האיך דריש תרתי מהמול ימול**

**לפריעה וגם לציצים** - פירוש: אין **תלמוד בבלי** שטייט בפירוש אז די מצוה פון פריעה איז נישט געגעבן געווארען פאר אברהם אבינו, אבער אין **תלמוד ירושלמי מסכת שבת פרק רבי אליעזר** (דף קו, ב מדפי עוז והדר) לערנט די ירושלמי ארויס פון די פסוק וואס שטייט דער וואך אין די פרשה ביי אברהם אבינו (יז, יג) **הִמּוֹל יִמּוֹל יְלִיד בֵּיתְךָ וּמִקְנַת כַּסְפֶּךָ**, פון די דאפעלטע לשון 'המול ימול', לערנט מען ארויס, **'מיכן לשני מילות'**, דהיינו סיי די עצם מילה - די חיתוך עור הערלה, און סיי די מצות הפריעה, און אזוי אויך דרש'נט די ירושלמי דארט אז מען לערנט ארויס פון די דאפעלטע לשון **'לציצים'**, דהיינו אויב עס בלייבט איבער שטיקלעך פון די עור דארף מען עס אראפ נעמען. קומט דער עצי חיים און פרעגט, קודם כל פון דער ירושלמי איז משמע אז ער קריגט זיך אויף די בבלי, ווייל פון דא קומט אויס אז אברהם אבינו איז יא נצטוה געווארן אויף די מצוה פון 'פריעה', און נאך פרעגט דער עצי חיים, ווי אזוי לערנט מען ארויס צוויי דינים פון דער פסוק, דהיינו סיי די מצוה פון פריעה און סיי די מצוה פון 'ציצים', לכאורה איז דא נאר איין דיוק פון די פסוק און מען קען נאר ארויס לערנען נאר איין הלכה און נישט צוויי?

קומט דער עצי חיים און ענטפערט: **לכן נלע"ד כוונת הירושלמי בזה דהנה ביבמות דף עב, נפקא ליה מהמול ימול לציצים המעכבים, ואם כן יש לומר דהירושלמי הכי קאמר, דאם הסר הציצים המעכבים רק על ידי הפריעה גם כן מהני, ואם כן גם לאברהם אבינו ע"ה דלא נתנה לו פריעה מכל מקום כיון דציצים המעכבים שייך גם כן באברהם אבינו ואם כן לזה מהני הפריעה שלא יהא ציצים המעכבים כיון שנתגלה העטרה על ידי הפריעה, ומיושב דברי הירושלמי שאין חולק על הבבלי, רק דאשמעינן דאפילו אם לא הסר הציצים רק על ידי הפריעה גם כן מהני. אבל בלא ציצים המעכבים גם הירושלמי ס"ל דלא ניתנה פריעה לאברהם אבינו** - פירוש: דער עצי חיים איז מחדש א גרויסע חידוש אין הלכות מילה, און ער איז מבאר, אז די גמרא זאגט דאך אין מסכת יבמות אז 'ציצים מעכבים', דהיינו אויב עס איז איבערגעבליבן נאך די מילה רצועות פון די ערלה דארף מען עס אראפ נעמען, און אויב נישט ווערט עס גערעכנט אזוי ווי מען איז נישט גע'מל'עט. זאגט דער עצי חיים, אז אפילו די מצוה פון 'פריעה' איז נישט געגעבן געווארן פאר אברהם אבינו, אפילו אזוי אויב איז געבליבן 'ציצים המעכבים' ביי די מילה של אברהם אבינו, דעמאלטס קען מען מיט די מצוה פון פריעה אויך מתקן זיין די ציצים המעכבים, דהיינו מען דארף נישט איבערמאכן א געהעריגע 'מילה' כדי צו מתקן זיין די ציצים המעכבים, נאר אפילו דורך די מצוה פון פריעה אליינס [הגם עס איז נאך נישט געגעבן געווארן פאר אברהם אבינו] איז עס אויך גענוג צו מתקן זיין די ציצים המעכבים.

און לפי דער מהלך, איז זייער שיין פארענטפערט די צוויי קשיות פון די עצי חיים, ווייל לעולם קריגט זיך נישט די ירושלמי אויף די בבלי, און ביידע האלטן אז די מצוה פון פריעה איז נישט געגעבן געווארן פאר אברהם אבינו, נאר דער ירושלמי איז מחדש, אז אפילו די מצוה פריעה איז נאך געווען קיין מצוה בימי אברהם אבינו, אפילו אזוי אויב האט מען אראפגענומען די ציצים המעכבים דורך די מצוה פון פריעה, הייסט עס א כשר'ע מילה. און אזוי אויך לפי דער מהלך לערנט מען נישט ארויס צוויי הלכות פון די ריבוי 'המול ימול', ווייל בעצם איז עס איין לימוד, דהיינו מען לערנט ארויס סיי אז ציצים מעכבים און סיי די מצוה פריעה, און די הסבר איז, אז דער ירושלמי וויל אינז לאזן הערן, אז אויב איינער נעמט אראפ די ציצים המעכבים דורך די מצוה פון פריעה, איז אפילו בימי אברהם אבינו הייסט עס א כשר'ע מילה.

און דער עצי חיים איז ממשיך, און ער שרייבט: **ועוד יש להביא ראיה, מהא דאיתא בתנחומא פרשת לך, בעצם היום הזה נימול אברהם, מל לא נאמר, אלא נימול, שנזדמן לו עקרב ועקצו ונמצא מהול. וקשה מאוד הלא בעינן המול ימול ואפילו על ידי נכרי איכא מאן דאמר בעבודה זרה דף כז דלא מהני... וי"ל דאף על גב דלא מל עצמו אלא נימול ממילא על ידי עקרב, מכל מקום את הציצים המעכבים הסר ממנו על ידי הפריעה וכמו שכתב התוספות דאף על גב דלא ניתנה פריעה לאברהם אבינו מכל מקום פרע מילתו, אם כן מהני המילה, אף על גב דהיה המילה על ידי עקרב, כיון דהציצין המעכבים היה על ידי עצמו** - פירוש: דער עצי חיים איז ממשיך און מיט זיין חידוש איז ער מבאר פלא'דיגע ווערטער וואס שטייט אין **מדרש תנחומא**, אין מדרש תנחומא שטייט (פרשתן פרשה יז) אז אברהם אבינו האט זיך נישט אליין גע'מל'ט נאר עס איז געקומען אן עקרב און עס האט אראפ גענומען די בשר הערלה פון אברהם, און לכאורה איז זייע שווער צו פארשטיין דעם מדרש תנחומא, ווייל די **גמרא** אין **מסכת עבודה זרה** (כז, א) דרש'נט אויף די פסוק וואס שטייט דער וואך 'המול ימול': **מניין למילה בעובד כוכבים שהיא פסולה, אמר רבי יוחנן המול ימול** - דהיינו מען לערנט ארויס פון דער פסוק, אז די מילה מיז זיין דוקא דארך א 'בר חיובא', און וויבאלד א גוי איז דאך נישט מחיוב מיט די מצוה פון מילה, איז אויב א גוי מל'ט א ישראל איז דער מילה נישט קיין גוטע מילה. און אויב אזוי ווי אזוי קען מען זאגן אז די מילה פון אברהם איז געווען דארך אן עקרב, להלכה איז דאך אזא מילה נישט קיין כשר'ע מילה? ענטפערט דער עצי חיים, אז ביי אברהם אבינו איז געווען אז אפילו נאך די עקרב האט אראפגענומען די בשר הערלה האט ער נאך געהאט 'ציצים המעכבים את המילה', און וועגן דעם האט אברהם אבינו געמאכט 'פריעה' (כמבואר בתוספות יבמות עא, ב ד"ה לא ניתנה - שאפילו אברהם לא נצטוה על הפריעה, הוא עשה אותו על דעת עצמו) נאך די מילה פון עקרב, און לפי דער ירושלמי וואס מען האט פריער געלערנט קומט אויס אז אויב מען נעמט אראפ די ציצים המעכבים דארך די מצוה פון פריעה איז אפילו ביי אברהם אבינו האט עס געהייסן א כשר'ע מילה, וועגן דעם ווערט גערעכנט די מילה פון אברהם פאר א כשר'ע מילה ווייל עס איז געוועהן דארך די מצוה פון פריעה ביי ציצים המעכבים. כפתור ופרח!

מיט דער אלע הקדמות קומט דער עצי חיים און ער פארענטפערט די קשיא פון די אחרונים, וזה לשונו: **ובזה יש לישב מה שהקשה בחתם סופר יורה דעה סימן רמח, על הפוסקים דמברך להכניסו בין מילה לפריעה שיהא עובר לעשייתן של פריעה, והקשה מה ענין פריעה לבריתו של אברהם אבינו, הא לא נצטוה על הפריעה, ואף על גב שקיים אברהם אבינו מצות פריעה, מכל מקום לא נכרת ברית עלי', ולא העלה תירץ מספיק, והוכפל דבריו בסימן רמ"ט, עיי"ש. ולהנ"ל יש לומר כיון דכל**

**עיקר מצות מילה קיים אברהם אבינו רק על ידי הפריעה, כיון שנימול מעצמו על ידי עקרב, ולכן עיקר הברית נתקיים רק על ידי הפריעה שפרע ציצים המעכבים את המילה, ובזה קיים מצות מילה, ולכן שפיר שייך הלשון בריתו של אברהם אבינו גם במצות פריעה** - פירוש: לפי דער חידוש וואס די עצי חיים האט מחדש געוועהן אז די מצוה פון פריעה אויב מען טוט עס כדי צו אראפ נעמען די ציצים המעכבים, דער סארט מצות פריעה איז אפילו ביי אברהם אבינו געוועהן א חלק פון די מצות מילה, ולא עוד, לפי דער מדרש תנחומא קומט אויס אז אברהם אבינו אליינס האט זיך גע'מל'עט אויף אזא סארט אופן, ווייל דעס איז זיכער אז די מילת עקרב הייסט נישט קיין כשר'ע מילה, נאר על כרחך איז די כשר'ע מילה געוועהן דורך וואס אברהם האט אראפ גענומען די ציצים המעכבים דורך די מצות פריעה, און אויב אזוי שטימט שוין זייער גוט אז מען מאכט די ברכה 'להכניסו בבריתו של אברהם אבינו' עובר לעשייתן - פאר די מצוה פון פריעה, ווייל אברהם אבינו אליינס האט דאך מקיים געוועהן די מצוה פון מילה דורך די מצוה פון פריעה ביי ציצים המעכבים, און עס איז פארענפערט די קושית האחרונים!

## תירוצו של הבית שערים

די גרויסע גאון און פוסק **רבי עמרם בלום זצ"ל** אין זיין ספר **שו"ת בית שערים** (יורה דעה, סימן שנ) ענטפערט אויף דער קשיא, וזה לשונו: **לפי מה שפירוש התוס' יום טוב במשנה סוף פרק רבי אליעזר דמילה מל ולא פרע כאלו לא מל, דקא משמע לן אף דאברהם לא נצטווה על פריעה והוי סלקא דעתך דאף דלא פרע קיים על כל פנים מצות מילה כאברהם, קא משמע לן, שכך היתה הלכה שאם לא פרע הוי כאלו לא מל לגמרי עיי"ש. אם כן כל זמן של פרע גם מצות חיתוך לא קיים ולא הכניסו עדיין בבריתו של אברהם אבינו, ובפריעה מקיים ומתקן המילה שקודם, ואם כן בפריעה מכניסו בבריתו של אברהם, דהיינו שמתקן מילה שקודמת שהוא בריתו של אברהם אבינו** - פירוש: שטייט אין מסכת שבת סוף פרק רבי אליעזר דמילה (קלז, ב): **מל ולא פרע את המילה - כאילו לא מל**, קומט דארטן **תוספות** (ד"ה מל) און פרעגט: **תימה אמאי איצטריך למיתני האי כיון דכבר תנא דבשר החופה את רוב העטרה מעכב המילה וכי לא פרע עדיין רוב עטרה מכוסה** - פירוש: בתחילת יענער משנה שטייט: **אלו הן ציצין המעכבין את המילה: בשר החופה את רוב העטרה**, דהיינו אויב עס איז בשר החופה את רוב העטרה, איז די מילה בכלל נישט קיין מילה, פרעגט תוספות אז די פעולה פון 'פריעה' טוט דאך ממש דעס, דהיינו עס נעמט דאך אראפ די בשר החופה את העטרה, און אויב אזוי שטייט שוין בתחילה המשנה בעצם דער הלכה אז 'מל ולא פרע כאילו לא מל', איז פארוואס חזר'ט איבער די משנה נאכמאל דער הלכה? און תוספות בלייבט מיט א קשיא.

קומט דער **תוספות יום טוב** (במשנה שם) און ער ענטפערט אויף תוספות קשיא, וזה לשונו: **מתניתין טובא קא משמע לן במאי דחזר ושנה מל ולא פרע, דלא תימא כיון דאברהם אבינו ע"ה נצטוה במילה לבדה, אף שאנחנו בהלכה למשה מסיני נצטוינו אף בפריעה, מכל מקום כי מל ולא פרע לא ליהוי כאילו לא מל לגמרי, מכיון שאברהם אבינו עליו השלום מל ולא פרע עד שנתחדשה הלכה למשה, קא משמע לן, דמכיון שנתחדשה ההלכה לפרוע, כך היתה הלכה, דאם לא פרע שהוא כאילו לא מל לגמרי** - פירוש: דער תוספות יום טוב קומט און איז מבאר, אז די משנה קומט אינז לערנען א מורא'דיגע יסוד אין די מצוה פון פריעה, און מען קען עס מסביר זיין בהקדם מיט וואס א שפעטער'דיגע גאון דער **שר התורה רבי יוסף ראזין זצ"ל** דער ראגעטשאבער גאון איז דן כמה פעמים אין זיין ספר צפנת פענח, אין דער חיוב פון מילה און פריעה.

מען קען אפלערנען אויף צוויי אופנים דער מצות, **אופן א** - אז די מילה און די פריעה זענען צוויי חלקים במילה אחת, דהיינו די מצות הפריעה איז אן ההשלמה אויף די מעשה המילה, און ווילאנג מען האט נישט מקיים געוועהן די חלק פון פריעה איז אפילו די חלק המילה קיין מילה נישט. **אופן ב** - אז די מצוה פון מילה און די מצוה פון פריעה זענען צוויי עקסטערע מצות, דהיינו די מילה איז א מצוה בפני עצמו, און די פריעה איז א מצוה בפני עצמו, אבער די תורה האט געמאכט א תנאי, אז כדי מען זאל רעכענען די מצוה פון מילה פאר א כשר'ע מילה, מיז מען אויך מאכן די מצוה פון פריעה, און אויב מען איז מבטל די מצוה פון מילה 'זאגט די תורה' אז מען רעכנט נישט די ערשטע מצוה פון מילה פאר א כשר'ע מילה. זאגט דער תוספות יום טוב אז די משנה אין מסכת שבת וויל קלאר מאכן אז די מצות המילה והפריעה איז אזוי ווי מען איז מסביר אין 'אופן א', דהיינו, איינמאל וואס די תורה האט געגעבן די מצוה פון פריעה, זאגט מען אז אויב איינער האט נישט געמאכט די מצות הפריעה ווערט עס גערעכנט ווי 'כאילו לא מל', דהיינו די עצם פעולת המילה איז קיין מילה נישט. און די טעם פארוואס די משנה וויל דעס קלאר מאכן איז, וויבאלד א מענטש וואלט געזאגט אז אפילו איך האב טאקע נישט געמאכט קיין פריעה, אבער למה נגרע פון די מילה פון אברהם אבינו, דהיינו, אפילו מען האט טאקע נישט געמאכט די אנדערע מצוה פון פריעה, אבער די מצוה פון אברהם אבינו האב מען דאך יא מקיים געוועהן? וועגן דעם קומט די משנה און שרייבט 'מל ולא פרע את המילה - כאילו לא מל', צו אינז לאזן הערן, אז נאך די אייבישטער האט געגעבן די מצוה פון פריעה איז די פריעה א חלק פון מצות מילה [און נישט קיין מצוה תוספות על תנאי כדלעיל], און אויב איינער האט נישט געמאכט די מצוה פון פריעה האט ער אפילו נישט יוצא געוועהן מילת אברהם אבינו ווייל די עצם מצות המילה איז נישט הסרת הערלה, נאר די עצם המצוה איז הסבת הערלה מיט די מצוה פריעה.

לפי דער תוספות יום טוב זאגט רבי עמרם בלום, איז זייער שיין פארענטפערט די קשיא פון די אחרונים, וויבאלד היינטיגע צייטן אויב מען גייט נישט מאכן די מצוה פון פריעה, גייט אפילו די מצוה פון מילת אברהם נישט ווערן גערעכנט ווי א מילה בכלל, וועגן דעם ווילאנג מען מאכט נישט די פריעה, האט מען נאך נישט מקיים געוועהן אפילו די מילה פון אברהם אבינו, און נאר נאך די פריעה, ווערט נברר למפרע אז די מצות המילה - דהיינו די הסרת הערלה איז געוועהן א ריכטיגע מצוה, און וועגן דעם גייט די ברכה פון להכניסו אריין בגדר 'עובר לעשייתן'.